STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05032

MIR ZINGEN

*Permanent preservation of this book was made possible
by David Fankushen
in memory of
Leon & Lily Fankushen*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל ענגעל־קרייז ביים פוילישן האַרצער־פאַרבאַנד

מיר זינגען

לידער־זאַמלונג

צונויפגעשטעלט: אברהם שוואַרצמאַן

ביילאַגע צו דער „פאָלקס־שטימע" נר. 91

אינהאלט

			זייט
.1	פּאַרטיזאנער־ליד	— ה. גליק	4
.2	אונדזער ליד	— א. שין	6
.3	מיר קומען אָן	— ש. צעסלער	8
.4	ברידער	— י. ל. פּרץ	10
.5	ליד פון ארבעט	— ש. פרוג	12
.6	פּיאָנערישער מאַרש	— יידיש: אַ. שין	14
.7	אַלע ברידער	— פאָלקס־ליד	16
.8	ספּאָרט־מאַרש	— יידיש: אַ. שין	18
.9	אַרום דעם פייער	— פאָלקס־ליד	20
.10	טשינג־טשאַנג־טשו	— ר. גאַלין	22
.11	א גנבה	— פאָלקס־ליד	24
.12	א מאַנטל פון פּארצייטיקן טוך	— פאָלקס־ליד	26
.13	זונע מיינע	— פאָלקס־ליד	29
.14	א זמרל	— פאָלקס־ליד	34
.15	א ניגון אָן א סוף	— פאָלקס־ניגון	37
.16	ייוואָם	—	38

פארטיזאנער=ליד

טעקסט: הערש גליק

אין מאַרש=טעמפּ
פאָלקס=מעלאָדיע



פּאַרטיזאַנער=ליד

זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג —
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
ס'וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!
(2 מאָל)

פון גרינעם פּאַלמען־לאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי
מיר זענען דאָ מיט אונדזער פּיין, מיט אונדזער וויי;
און וווּ געפאַלן איז אַ שפּריץ פון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט!
(2 מאָל)

די פרימאָרגן־זון באַגילדן וועט דעם היינט,
און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט.
נאָר אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר,
ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור!
(2 מאָל)

דאָס ליד געשריבן איז מיט בלוט און מיט בליי! —
ס'איז נישט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי —
עס האָט א פאָלק צווישן פּאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט!
(2 מאָל)

טאָ זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג!
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג —
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה,
עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זענען דאָ!
(2 מאָל)

אונדזער ליד

טעקסט און מוזיק: א ל ע ף ש י ן

אין מאַרש־טעמפּ



אונדזער ליד

איבער גאַס פון שטאָט און שטעטל,
אויפן פעלד און אינעם וואַלד
אונדזער ליד קלינגט, ווי אַ גלעקל,
אונדזער ענגעל־ליד פריי שאַלט!

מיט פעסטע טריט
אין ענגער ריי
מאַרשירט פאָרויס
די ענגעל־קייט!
עס הילכט אונדזער רוף: 2 מאָל
— זיי וואַך! שטענדיק וואַך!
צו דינען פאָלק און לאַנד —
זיי גרייט!

מיר קומען אן

טעקסט: ש. צעסלער   מוזיק: ה. וואָלאָוויטש

אין מארש-טעמפּ



מיר קומען אָן

מיר קומען אָן, מיר קומען אָן!
מיר שפּאַנען פרייליך און מאַרשירן!
הויך פלאַטערט אונדזער העלע פאָן —
די פאָן פון לערנען און שטודירן.

און ריטמיש קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּן טריט אין גאַנג!
און הילכיק קלינג, קלינג, קלינגט אונדזער געזאַנג!
ס'מאַרשירט אין ריי, ס'מאַרשירט אין ריי — 2 מאָל
די יונגע שול, די שול־אַרמיי.

מיר קומען אָן מיט העלער פרייד,
מיר טראָגן גליבן, מוט און האָפן!
עס ציט פאָרויס די שולער־קייט
פון מזרח, מערב, דרום, צפון.

און ריטמיש קלאַפּ, קלאַפּ, קלאַפּן טריט אין גאַנג!
און הילכיק קלינג, קלינג, קלינגט אונדזער געזאַנג!
ס'מאַרשירט אין ריי, ס'מאַרשירט אין ריי — 2 מאָל
די יונגע שול, די שול־אַרמיי!

ברידער

טעקסט: י. ל. פּרץ   מוזיק: לויט ל. בעטהאָווען



ברידער

ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע —
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען!
אַלע מענטשן זענען ברידער,
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען!

אַלע מענטשן זענען ברידער —
ווייסע, ברוינע, שוואַרצע, געלבע.
אַנדערש זענען נאָר די פאַרבן —
די נאַטור איז דאָך די זעלבע!

אַלע מענטשן זענען ברידער, —
געלע, שווארצע, ברוינע, ווייסע...
פעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

ליד פון אַרבעט

מוזיק ה. רובין

פייערלעך

טעקסט: ש. פּריוג



ליד פון ארבעט

אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, מיט ליבשאַפט און היים!
געבענטשט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

געבענטשט זאָלן זיין דער וואַרשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג.
די וועלט איז פאַר איינעם אַ בליענדער גאָרטן,
פאַר טויזנט — אַ שווערער, אַ זומפּיקער וועג.

דער סערפּ איז פון שטאָל, דער האַמער — פון אייזן —
קיין צירונג קיין גרויסע זענען זיי נישט.
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך אַן איינציקער טריט.

טאָ לויבט־זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט,
זינגט, גריסט זיי פון האַרצן, מיט ליבשאַפט און היים!
געזונט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,
דער שטערן, פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

פּיאָנערישער מאַרש

ייִדישער טעקסט: אַלעף שין;   מוזיק: זאָלטאַן קאָדאַי



פּיאָנערישער מאַרש

העי, העי!
זינגט מיט אונדז דאָס ליד פון אונדזער לעבן נייעם!
העי, העי!
ס'שפּאַנט מיט אים די יוגנט־וועלט פאָרויס!
צי דער פרילינגס־טאָג איז ליכטיק,
צי דער טאָג פון האַרבסט איז גרוי —
העי, העי!
זינגט דאָס ליד, חברים, אָט אַזוי!

העי, העי!
ווער ס'איז יונג קומט אַלע אונטער פאָנען פרייע!
העי, העי!
זאָל די אַרבעט ברענען אין די הענט!
אונדזער ליד צינדט אַלע הערצער,
שטעלט זיך, חברה, אין דער ריי!
העי, העי!
שמידן מוזן מיר די וועלט אויפסניי!

העי, העי!
זאָל דאָס ליד אין שטעט, אין אַלע דערפער קלינגען!
העי, העי!
הילכן זאָל ס'פּיאָנערישע געזאַנג!
יעדן, ווער ס'איז יונג און מוטיק,
ווער פאַר אַרבעט שרעקט זיך ניט,
העי, העי!
רופן מיר מיט זיך צום קאַמף פאַר גליק!

אלע בריד׳ער

Allegretto

פאָלקס־ליד



אַלע בּרידער

און מיר זענען אַלע ברידער,
אוי, אוי, אַלע ברידער.
און מיר זינגען פריילעך לידער,
אוי, אוי, אוי!

און מיר האַלטן זיך אינאיינעם,
אוי, אוי, זיך אינאיינעם:
אַזעלכעס איז נישטאָ ביי קיינעם,
אוי, אוי, אוי!

און מיר זענען אַלע איינִיק,
אוי, אוי, אַלע איינִיק,
צי מיר זענען פיל, צי ווייניק,
אוי, אוי, אוי!

און מיר זענען פריילעך, מונטער,
אוי, אוי, פריילעך, מונטער,
זינגען לידער, טאַנצן אונטער,
אוי, אוי, אוי!

ספּאָרט=מאַרש

ייִדישער טעקסט: אַלעף שיז   מוזיק: סטאַראָקאַדאָמסקי



ספארט-מארש

ס׳בלאָזט אַווינטל, ס׳רוישן כוואַליעס, ס׳שיינט די זון שוין...
העי, פיאָנערן, פונעם שלאָף שטייט גיכער אויף!
און אויף לאַגער־פּלעצער פרייע
פון געצעלטן קומט אין רייען,
צו גימנאַסטיק, חברה, פלינקער אַלע לויפט!

צוזאַנג:
הייסער שיין, ליבע זון!
זומער בלי, ווי אַ בלום!
גרייט זיך, חברה, צו מאַרשן צו!
און מיט פריידיקן קלאַנג
פיר אונדז, ליד, אינעם גאַנג!
העי, פיאָנערן, צו פיזקולטור!

ס׳זאָלן וועגן שווערע, ווייטע דיך נישט שרעקן,
איב דעם קערפּער און דעם ווילן אוים, ווי שטאָל!
יעדן טאָג מוזסטו טרענירן,
זאָלסט נישט אָפּשטיין אין מאַרשירן,
אין דער אַרבעט אָפּשטיין זאָלסטו נישט קיינמאָל!

צוזאַנג:
הייסער שיין, ליבע זון א. א. וו.

דער פרימאָרגן־ווינט באַגעגענט אונדז אין דרויסן
און דאָס היימלאַנד שפּרייט פאַר אונדז די וועגן ברייט.
זינגט, פיאָנערן, זיכער, מונטער,
כאַפּט דעם לאָזונג אַלע אונטער:
„צו פאַרטיידיקונג, צו אַרבעט — שטענדיק גרייט!"

צוזאַנג:
הייסער שיין, ליבע זון א. א. וו.

ארום דעם פייער

פאָלקס־ליד	בישט צו לאַנגזאַם



אַרום דעם פייער

אַרום דעם פייער
איז אַלצדינג ליבער.
די נאַכט איז טייער —
מיר זינגען לידער.

און זאָל דאָס פייער
פאַרלאָשן ווערן,
שיינט אונדז דער הימל
מיט זיינע שטערן.

באַפּוצט די קעפּ
מיט בלומען־קראַנצן!
אַרום דעם פייער
איז גוט צו טאַנצן!

ווייל טאַנצן, זינגען
איז אונדזער לעבן,
אַרום דעם פייער
חלומות שוועבן.

2 מאָל

טשינג=טשאנג=טשו

ר. גאלין

מוזיק: מ. געלבארט



טשינג-טשאַנג-טשו

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט ווו } 2 מאָל
זענען די כינעזעלעך
מיט די קורצע נעזעלעך?

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט ווו } 2 מאָל
יינגלעך טראָגן קליידעלעך,
הויזן טראָגן מיידעלעך?

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט ווו } 2 מאָל
אויף געגאָלטע קעפּעלעך
באָמבלען לאַנגע צעפּעלעך?

טשינג-טשאַנג-טשו,
ווער ווייסט ווו } 2 מאָל
שיינע מאַנדל-אייגעלעך
בוקן זיך, ווי פּייגעלעך?

א גנבה

פאָלקס־ליד

פריילעך



אַ גנבה

בײַ מײַן רבין איז געװעזן,
איז געװעזן בײַ מײַן רבין,
בײַ מײַן רבין איז געװעזן
אַ גנבה, אַ גנבה:

זיבן לײַכטער, װי די בערן —
דרײַ אָן פּיסלעך,
פיר אָן רערן —
אַ גנבה, אַ גנבה!

בײַ מײַן רבין איז געװעזן,
איז געװעזן בײַ מײַן רבין,
בײַ מײַן רבין איז געװעזן
אַ גנבה, אַ גנבה:

זיבן העמדער, װי די בעכער —
דרײַ מיט לאַטעס,
פיר מיט לעכער —
אַ גנבה, אַ גנבה!

א מאנטל פון פארצייטיקן טוך

פאלקס-ליד

שנעל און וויציק



אַ מאַנטל פון פּאַרצ״ט״קן טוך

האָב איך מיר אַ מאַנטל פון פּאַרצייטיקן טוך.
טראַלאַלאַ, לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ, לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,

דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט,
טראַלאַלאַ, לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,

האָב איך מיר אַ רעקל פון פּאַרצייטיקן טוך,
טראַלאַלאַ...
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ...

דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם רעקל אַ וועסטל געמאַכט
טראַלאַלאַ...

האָב איך מיר אַ וועסטל פון פּאַרצייטיקן טוך,
טראַלאַלאַ...
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ...

דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם וועסטל אַ היטל געמאַכט,
טראַלאַלאַ...

האָב איך מיר אַ היטל פון פּאַרצייטיקן טוך,
טראַלאַלאַ...
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ...

דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם היטל אַ שניפּסל געמאַכט,
טראַלאַלאַ...
האָב איך מיר אַ שניפּסל פון פּאַרצייטיקן טוך,
טראַלאַלאַ...
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ...
דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם שניפּסל אַ הענגער געמאַכט,
טראַלאַלאַ...
האָב איך מיר אַ הענגער פון פּאַרצייטיקן טוך,
טראַלאַלאַ...
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ...
דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם הענגער אַ גאָרנישט געמאַכט,
טראַלאַלאַ...
האָב איך מיר אַ גאָרנישט פון פּאַרצייטיקן טוך,
טראַלאַלאַ...
איז אין אים נישטאָ קיין פּיצעלע טוך,
טראַלאַלאַ...
דערום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם גאָרנישט אַ לידל געמאַכט,
טראַלאַלאַ...

זונע מײַנע

פֿאָלקס־ליד

גענוג שנעל, וויציק




ta - ra - ra - ra razem tatku razem chara-szo!
Wen iz dos ge - wen, wen iz dos ge - szen
bachcyj ha-łaj - ło, bachcyj ha - łaj -
ło! E - li - mejłech iz ge-ri-tn, Ja - kub bemben
zumer ojf a szli-tn, Jakub bemben, winter ojf a wogn
Ja-kub bemben, wos hot er ge-fijert Ja-kub bemben
ze-kełech mit mon, Jakub bemben, wu t'er zej farfijert
Jakub bemben oj-fn boj - dem unte-rn dach,
Jakub bemben, gudzi, gudzi, gu-dzi gudź maj synku
gudzi, gudzi, gu - dzi gudź maj tatku, razem chara-
szo! Ra-zem, razem, razem synku, tara-ra - ra



זונע מײנע

זונע מיינע, זונעניו!
ליובע מיינע, ליובעניו!
זינגט־זשע מיר אַ לידעלע,
אַ זעמריטשקע —
ראָכטשע גייט באָרוועס,
מלך אל עליון!
המלך בכבודו
כל מינים טאַראַקאַנים.

מיט אַ שטיין — אין דעם חזן
מיט אַ ביין — אין דעם באַס
מעל מיט קאַרטאָפל,
יאַנקעלע, גיב מיר קוואַס!

גודזי, גודזי, גודזי,
גודזש מיי סינקו!
גודזי, גודזי, גודזי,
גודזש מיי טאַטקו —
ראַזעם כאראשאָ!

ראַזעם, ראַזעם, ראַזעם סינקו,
טאַ־ראַ־ראַ־ראַ,
ראַזעם טאַטקו,
ראַזעם כּאַראָשאָ.

ווען איז דאָס געווען?
ווען איז דאָס געשען?
בחצי הלילה!
בחצי הלילה!

איינער: עלי־מלך איז געריטן,
אַלע: יאַקוב בעמבען.
איינער: זומער אויף אַ שליטן,
אַלע: יאַקוב בעמבען.
איינער: ווינטער אויף אַ וואָגן,
אַלע: יאַקוב בעמבען.
איינער: וואָס ער האָט געפירט?
אַלע: יאַקוב בעמבען.
איינער: זעקעלעך מיט מאָן.
אַלע: יאַקוב בעמבען.
איינער: ווו ט'ער דאָס פאַרפירט?
אַלע: יאַקוב בעמבען.
איינער: אויפן בוידעם אונטערן דאַך!
אַלע: יאַקוב בעמבען.

גודזי, גודזי, גודזי,
גודזש מיי סינקו,
גודזי, גודזי, גודזי,
גודזש מיי טאַטקו —
ראַזעם כּאַראָשאָ!

ראַזועם, ראַזועם, ראַזועם, סינקו!
טאַ־ראַ־ראַ־ראַ!
ראַזועם, טאַטקו,
ראַזועם כאַראַשאָ!

ווען איז דאָס געווען?
ווען איז דאָס געשען?
בחצי הלילה!
בחצי הלילה!

א זמרל

(פאָלקס-ליד)

שנעל און לעבעדיק



אַ זמרל

צוזאַנג: לאָמיר־זשע־זשע זינגען — 2 מאָל
אַ זמרל, אַ זמרל!
לחם לאכל, בשר ודגים
וכל מטעמים.

אײנער: זאָג־זשע מיר, טאַטעניו, וואָס איז לחם?

אַ צװײטער: בײ די גרױסע גבירים
איז לחם אַ בולקע.
אָבער בײ אונדז, אָרעמע קבצנים,
איז לחם אַ דאַרע סקאָרינקע.

אַלע: דאָס איז לחם!

צוזאַנג: לאָמיר־זשע־זשע זינגען א. א. װ.

אײנער: זאָג־זשע מיר טאַטעניו, װאָס איז בשר?

אַ צװײטער: בײ די גרױסע גבירים
איז בשר אַן אינדיק.
אָבער בײ אונדז, אָרעמע קבצנים,
איז בשר אַ פאַרדאַרטע קישקע.

אַלע: דאָס איז בשר!

צוזאַנג: לאָמירזשע־זשע זינגען א. א. װ.

אײנער: זאָג־זשע מיר, טאַטעניו, װאָס איז דגים?

אַ צװײטער: בײ די גרױסע גבירים
איז דגים אַ העכט.
אָבער בײ אונדז, אָרעמע קבצנים,
איז דגים אַ געװענדזלטער הערינג.

(אַלע): דאָס איז דגים!

צוזאַנג: לאָמיר־זשע־זשע זינגען א. א. װ.

אײנער: זאָג־זשע מיר, טאַטעניו, װאָס איז מטעמים?
אַ צװײטער: בײ די גרױסע גבירים
איז מטעמים אַ קאָמפּאָט.
אָבער בײ אונדז, אָרעמע קבצנים,
איז מטעמים געהאַקטע צרות.
אַלע: דאָס איז מטעמים!
צוזאַנג: לאָמירזשע־זשע זינגען א. א. װ.

ניגון אן א סוף



ייוואם

פאָלקס־ליד

גיך און פריילעך



ייוואָם

ייוואָם, ייוואָם, אוי, דים—א—דים, א—דים—דים אוואָם.
לאַמצידירייילאָם באָם,
לאמצידירייילאם דים—א—דים, א—דים—א—דים—א
לאמצידירייילאם באָם.

אל דר במרומים, לאַמצידירייילאם באָם,
אדיר במרומים, לאמצידרייילאם באָם.
דים—אַ—דים, א—דים—א—דים—א—וואָם.
דים—אַ—דים, א—דים—א—דים—א—וואָם.
דים—אַ—דים, א—דים—א—דים—א—
מלך אל עליון!

ISBN:0-657-05032-6

„Prasa", Tarczyńska 8. Zam. 5029.